**גוט שבת אלע אידן.** חז"ל זאגן אז צדיקים במיתתן קרויין חיים און די רשעים בחייהן קרויים מתים. (תלמוד ירושלמי מסכת ברכות טו:) דאס מיינט צו זאגן אז אפילו נאך די הסתלקות פון א צדיק איז עס כאילו אז ער לעבט נאך. אבער להבדיל די רשעים אפילו ווען זיי לעבן אויף די וועלט זענען זיי א בחינה פון מתים. איינע פון די צייטן ווען מיר קענען אפשר שפירן דעם ענין פון "צדיקים במיתתן קרויין חיים" איז ביי דעם שבת שבע ברכות פון א צדיק. ווייל אין אמת'ן אריין די צדיקים האבן א קיום דורך זייערע הייליגע קינדער, אפילו אסאך דורות נאך דעם הסתלקות פון דעם צדיק. אזוי ווי עס ווערט געברענגט, די נשמות פון צדיקים קומען אראף בשעת דעם חתונה און דעם שבת שבע ברכות אויך. וויבאלד אונזערע הייליגע רבי שליט"א שטאמט פון דעם בעל שם טוב הקדוש זצוקללה"ה קענען מיר זיין זיכער אז דער בעל שם זי"ע איז דא צווישן אונז! און דורך דעם וואס מ'פרייט זיך מיט דעם רבי'ן קענען מיר שפירן דעם חיות פון דעם בעל שם זי"ע ווייל צדיקים אפילו במיתתן קרויין חיים.

כדי צו מעורר זיין דעם רעיון פון "צדיקים במיתתן קרויין חיים." לאמיר יעצט דערציילן די פאלגענדע מעשה וואס צייגט דעם כח פון א צדיק נאך זיין הסתלקות.

דער ירושלימער רב הגה"צ רבי משה אריה פריינד זצ"ל איז אמאל געפארן אויף די מקומות הקדושים אין אונגארן. דאס איז געווען אין יאר תשד"מ, צווישן אנדערע איז ער געגאנגען זיך משתטח זיין אויף די ציונים פון זיינע הייליגע אבות און זיידעס. און ער האט דעריבער אויך באזוכט דאס שטעטל הוניאד. דארטן אין א אהל ליגן זיין פאטער, דער הוניאדער רב זצ"ל, ווי אויך דער שווער פון זיין פאטער דער אלטער הוניאדער רב, הגה"צ רבי וואלף גאלדבערגער זצ"ל מיט זיין רביצין ע"ה.

איידער דער רב איז צוגעגאנגען צום אוהל, האט ער א זאג געטון צו איינעם פון זיינע באגלייטער, ער זאל א קוק טון ווער עס ליגט דער פערטער קבר נעבן אוהל. איז יענער צוגעגאנגען און איבערגעליינט די מצבה, אוואו עס שטייט אנגעשריבן "פ"נ ר' יעקב וכו'." האט דער רב גענומען שמייכלען און געזאגט אז מיט דעם קבר האט פאסירט א וואונדערליכע זאך. ער אליין געדענקט נאך ווען מען האט באגראבן אט דעם נפטר נאנט צום אוהל פון הוניאדער רב.

דערנאך האט דער רב געבעטן מען זאל א קוק טון צו עס ליגט נישט קיין גרויסער שטיין נעבן יענעם קבר. און ווירקליך ווען מען האט פערשארט די גראז, האט מען דארטן געטראפן ליגן א גרויסן שטיין. האט דער רב דאן דערציילט די פאלגענדע וואונדערליכע מעשה:

ווען דער זיידע -- דער אלטער הוניאדער רב, דער גאון רבי וואלף גאלדבערגער זצ"ל איז געווען רב דא אין שטאט אין הוניאד, איז דארט געווען דער ראש הקהל דער איד וואס זיין נאמען איז אויסגעקריצט אויף דעם פערטן קבר, ר' יעקב וכו', ער איז געווען א גבר אלים און שטענדיג געהאט צו טון מיטן רב. די גאנצע שטאט האט זייער מורא געהאט פון אים. אויך זיינע קינדער זענען נישט געווען בעסער פון אים און אויך פאר זיי האט מען מורא געהאט.

ווען דער הוניאדער רב איז נסתלק געווארן האט מען אויפגעבויעט א אהל אויף זיין ציון. און א צייט שפעטער איז אויך דער ראש הקהל נסתלק געווארן, האט די משפחה געצוואונגען מען זאל אים לייגן הארט נעבן דעם אהל פון רב. די שטאט מענטשן האבן מורא געהאט זיך אקעגנצושטעלן און זיי האבן אויסגעפירט זייער באגער.

"איך אליין," האט דער רב ווייטער געזאגט "געדענק ווען מען האט אים געלייגט ביים וואנט פון אהל. ער איז טאקע געווען א תקיף און א גבר אלים אבער אויך נישט קיין קטלא קניא, ווייל ער איז געווען א תלמיד חכם.

אין א צייט ארום איז אין שטאט נסתלק געווארן א חשובער איד. ווען מען איז ארויס אויפן בית החיים, זענען אלע ערשטוינט געווארן צו זען, ווא דער קבר פון ראש הקהל האט זיך אוועקגערוקט פון נעבן דעםליידיגער ארט. האט מען יענעם חשובער איד געלייגט צווישן דעם קבר פון ראש הקהל און צווישן דעם אהל.

עס איז אריבער נאך א שטיקל צייט און אין שטאט איז נסתלק געווארן נאך א חשובער איד. און עס איז געשען דאס זעלבע ווי פריער, אוריסגייענדיג אויפן בית החיים האט מען געזען ווי דער קבר פון ראש הקהל האט זיך ווייטער אפגערוקט און עס איז דארטן געבליבן אַן ארט צו לייגן דעם נייעם נפטר. האט מען יענעם געלייגט דעם צווייטן נעבן אהל.

די משפחה פון ראש הקהל צוזעענדיג וואס דא פאסירט, האבן זיי גענומען א גרויסן שטיין און עס אוועקגעלייגט אויף די מצבה פון זייער פאטער כדי דער קבר זאל זיך נישט קענען מער אוועקרוקן. ווען אין א צייט ארום איז אין שטאט נסתלק געווארן ווידער איינער פון די חשובים, און מען איז ארויס מיט אים צום בית החיים, האט מען געזען אז דער קבר פון דעם ראש הקהל האט זיך אוועקגערוקט ווייטער איבערלאזנדיג א

ליידיגן ארט צווישן דעם קבר פון ראש הקהל און צווישן דעם צווייטן חשוב'ן איד, און דעם נייעם נפטר האט מען געלייגט אויפן ליידיגן ארט. די גאנצע שטאט האט דעמאלט געקאכט און געררודערט פון דער מעשה.

האט דער רָב רב פריינד זצ״ל אויסגעפירט אז ווי עס ווייזט אויס איז דעם דריטן נפטר אויך נישט געווען ניחא צו ליגן נעבן דעם ראש הקהל און דעריבער איז דער שטיין געבליבן ליגן אלס א הפסק צווישן אים און דעם קבר פון ראש הקהל.

ווען מען האט דערנאך געפרעגט פאר די משפחה צו זיי האבן נישט קיין מורא ווען זיי זען מיט זייערע אויגן אזא אויסטערלישע ערשיינונג, האבן זיי געענפערט: וואס ווייסט איר צו דערציילן וועגן די גרויסקייט פון דעם הוניאדער רב זצ״ל, דאס איז נאר פון זיינע קליינע מופתים. (פון "דאס אידישע ליכט")

פון די מעשה זען מיר דעם כח פון א צדיק נאך זיין הסתלקות. מיר ליינען וועגן דעם ענין אין דער וואכעדיגע סדרה וישלח. די תורה דערציילט ווי רחל אמנו איז נפטר געווארן. עס שטייט אין פסוק, "ויצב יעקב מצבה על קברתה הוא מצבת קברת רחל עד היום." (בראשית לה, כ) די מצבה פון דער צדיקת רחל בלייבט "עד היום." דאס איז אפשר מרמז אויפ'ן ענין פון "צדיקים במיתתן קרויין חיים." ווייל אזוי ווי חז״ל זאגן, רחל וויינט אויף אירע קינדער "עד היום." ד״ה רחל איז מעורר זכותים פאר אידישע קינדער "עד היום." פון דא זעת מען אז "צדיקים במיתתן קרויין חיים."

איז לאמיר פרובירן די שבת צו שפירן די השפעות פון די הייליגע אבות וועלכע קומען אראפ מיטצופרייען זיך מיט דער גרויסע שמחה. דורך דעם קענען מיר אפשר האבן א חלק אין דעם ענין פון "צדיקים במיתתן קרויין חיים." **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת נישואי נכדתו, בת בנו הרה״צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט״א בשעטומ״צ</u>

מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף פישער הי״ו לרגל שמחת לידת בתו

רפואה שלימה לפערל בת אסתר, חיים שמואל צבי בן מלכה, עטיל בת שרה, חנני׳ י״ט ליפא בן עטיל,
חנה חנטשא בת עטיל, הענא קילא בת עטיל בתוך שאר חולי ישראל

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן." (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 362-8425 (845) P.O. Box 334, Monsey, New York 10952